**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט $13.5 מיליאן געגעבן צו ניו יארק סטעיט אונטער פעדעראלע אינפלאציע פארמינערונג אקט צו שטיצן שטאטישע און קאמיוניטי ביימער

***היסטארישע פינאנצירונג צו פארשפרייטן פובליק צוטריט צו ביימער און גרינע ערטער אין ארימע קאמיוניטיס, פארמער שטאטישע ביימער צודעק, און שטיצן ניו יארק'ס אגרעסיווע קלימאט צילן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט האט באקומען $13.5 מיליאן פון די אמעריקאנער אגריקולטור דעפארטמענט'ס וואלד סערוויס שטאטישע און קאמיוניטי וואלד פראגראם. באצאלט דורך פרעזידענטביידען'ס אינפלאציע פארמינערונג אקט, איז די גרענט פראגראם געמאכט צו פארשפרייטן גלייכע צוטריט צו ביימער און גרינע ערטער אין שטאטישע און קאמיוניטי וועלדער צו שטיצן אויפצובויען א ריינע ענערגיע עקאנאמיע, פאראויס רוקן אנווייראנמענטאלע גלייכקייט, און שאפן עקאנאמישע געלעגנהייט.

"ניו יארק'ס שטאטישע קאמיוניטי וועלדער שפילן זייער א וויכטיגע ראלע אין אונזער ענווייראנמענט און צו פארזיכערן אז אלע געגנטער און קאמיוניטיס האבן צוטריט צו די בענעפיטן וואס ביימער שטעלן צו, אריינרעכענענדיג אין אדרעסירן די דראאונג פון אונזער טוישנדע קלימאט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די היסטארישע שטאפל פון פינאנצירונג אנאנסירט אונטער פרעזידענט ביידן און זיין אדמיניסטראציע, נעמען מיר נאך א גרויסע טריט פאראויס צו אינוועסטירן אין און פארבעסערן אונזער ענווייראמענט און פארבעסערן קאמיוניטי גרינע ערטער פאר די קומענדיגע דור."

**סעקרעטאר פון אמעריקאנער אגריקולטור טאם ווילסאק האט געזאגט,** "די פראגראם איז נאך א וועג וואס די ביידען-האריס אדמיניסטראציע אינוועסטירט אין אמעריקא און פארזיכערן אז אלע מענטשן, אפגעזען פון זיפ קאוד אדער געגנט, האבן גלייכע צוטריט צו די בענעפיטן וואס ביימער און גרינער ערטער שטעלן צו. טאמער עס איז דורך פארמינערן היץ שוועריקייט אדער דורך שאפן ארבעט געלעגנהייטן מיט איינפלאנצן ביימער און זיך אפגעבן מיט זיי, וועט די געלט פינאנצירונג שטיצן לאקאלע קאמיוניטיס און מיטארבעטער וועלכע ארבעטן אויפ'ן ערד צו פאראויס רוקן ענווייראנמענטאלע גלייכקייט דורך פארגרינגערן די ווירקונג פון קלימאט ענדערונג אויף קאמיוניטיס וועלכע האבן נישט צודעק פון ביימער אין שטאטישע ערטער און אינעם זעלבן צייט געבן פאר קינדער מער פארזיכערטע ערטער זיך צו שפילן אינדרויסן."

די באדייטנדע פינאנצירונג פאר ניו יארק איז טייל פון א $1.5 ביליאן פעדעראלע אינוועסטירונג אין שטאטישע און קאמיוניטי וואלד פראיעקטן איבער די לאנד, אריינרעכענענדיג איבער $73.5 מיליאן פאר 28 וואלד פראיעקטן איבער סטעיט קען געזען ווערן [דא](). די היסטארישע שטיצע שטרייכט אונטער די וויכטיגקייט פון שטאטישע וועלדער מיט באקעמפן קלימאט ענדערונג דורך קילער מאכן לופט, געביידעס, און פעך; פארמינערן וואו שטורעם וואסער לויפט אפ; פארבעסערן די לופט קוואליטעט; און נאכמער. ניו יארק סטעיט'ס $13.5 מיליאן געשאנק וועט ווערן אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט פון

ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג (State Department of Environmental Conservation, DEC) און צושטעלן געלט געלעגנהייטן דורך די סטעיט'ס שטאטישע און קאמיוניטי וואלד פראגראם ( Urban and Community Forestry Program).

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אנהאלטונג קאמישאנער באסיל סעגאס האט געזאגט,** "איך קאמענדיר פרעזידענטביידען פאר די באדייטנדע אינוועסטירונג אין אונזער שטאטישע און קאמיוניטי ענווייראמענטן און פאר דיביידען אדמיניסטראציע'ס ווייטערדיגע שטיצע פון ניו יארק'ס אנגייענדע באמיאונגען צו באקעמפן קלימאט ענדערונג. די אנאנסירונג היינט באצייכנט ניו יארק סטעיט'ס גרעסטע געלט פינאנצירונג געלעגנהייט אין שטיצע פון שטאטישע און קאמיוניטי וועלדער און די געלטער וועלן העלפן פאבעסערן די געזונטהייט, זיכערהייט, און שטארקקייט פון קאמיוניטיס וועלכע דארפן עס די מערסטע. איך מוטיג גילטיגע רעגירונג איינהייטן, מוניציפאליטעטן, אינדיאנע פעלקער, און נישט-פאר-פראפיטס אנטיילצונעמען אין די DEC'ס קומענדיגע ווירטואלע אינפארמאציע סעסיע צו לערנען מער איבער די דאזיגע היסטארישע געלעגנהייט."

**פארשטייער אדריאנאו עספעילאט האט געזאגט,** "גרינע ערטער האבן גלייך א ווירקונג אויף די געזונטהייט און וואוילזיין פון אונזערע קאמיוניטיס און די מענטשן און פאמיליעס וועלכע וואוינען נעבן זיי. איך קאמענדיר ניו יארק גאווערנער האקול אויף די לעצטע איניציאטיוו מיט טיילן די פעדעראלע געלטער וואס איך האב געהאלפן פארזיכערן דורך די אינפלאציע פארמינערונג אקט צו שטיצן דאס פארברייטערונג פון גרינע לאקאלן ארום אונזער סטעיט. דורך דאס טון, פארשפרייטן מיר לאקאלן פאר פארוויילונג און דרויסנדיגע געשמאק, מוטיגן פאמיליעס צו בלייבן אקטיוו, און האלטן אונזער קאמיוניטיס געזונט."

DEC וועט באלד עפענען א געלט אפליקאציע צייט אפשניט פאר כמעט $13 מיליאן פון די IRA געלטער. צען מיליאן דאלער אין געלטער וועט שטיצן קאמיוניטי וואלד פארוואלטונג פלאן איינפירונג ( Community Forest Management Plan Implementation), און $2.9 מיליאן וועט שטיצן אש בוים פארוואלטונג (Ash Tree Management). די איבריגע פון די געלטער אוועקגעלייגט וועט שטיצן געלטער אדמיניסטראציע. עס איז נישט דא קיין אפליקאנט צופאסונג נויטיג פאר די פעדעראלע געלטער פראגראם פאר פולע פראיעקטן אין ארימע קאמיוניטיס. די מאקסימום פארלאנג איז $500,000 פאר יעדע אפליקאציע. די אפענע אפליקאציע צייט אפשניט פאר די געלטער געלעגנהייט וועט ווערן אנאנסירט אין די קומענדיגע וואכן.

DEC האלט פאר א ווירטואלע אינפארמאציע סעסיע אויף דינסטאג, אקטאבער 24, 2023, פון 1 ביז 2:30 נאכמיטאג צו צושטעלן אינפארמאציע אויף די נייע, באגרעניצטע-צייט פינאנצירונג געלעגנהייט צו שטיצן שטאטישע און קאמיוניטי וואלד פראיעקטן אין ארימע קאמיוניטיס. די אינפארמאציע סעסיע וועט דעקן גילטיגע אפליקאנטן און פראיעקטן, אפליקאציע פאדערונגען און צייכענעס, און אנדערע אינפארמאציע וואס וועט העלפן אפליקאנטן פלאנירן זייערע פראיעקטן. [רעגיסטרירט אייך דא פאר די וועבינאר].

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם DEC'ס שטאטישע און קאמיוניטי וואלד פראגראם, באזוכט די [DEC'ס וועבזייטל].

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן